**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# לכבוד וועטעראנס דעי, שרייבט גאווערנער האקול אונטער עקזעקיוטיוו ארדער און בילס צו שטיצן די העלדן וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד

***גאווערנער האקול שרייבט אונטער עקזעקיוטיוו ארדער צו העכערן קוואליטעט פון שטיצנדע האוזינג צו באקומען פאר וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס***

***ביל S.8596-A/A.9205-A ברייטערט אויס דעם וועטעראנען שכר לימוד הילף פראגראם פאר מיליטער וועטעראנען נישט אין קאמף ראלעס וואס וואוינען אין ניו יארק***

***ביל S.5195-B/A.4611-B ברייטערט אויס וועטעראנען בענעפיטן פאר מענטשן וועלכע האבן געדינט אין מיליטער נישט אין צייט פון קריג***

***ביל S.7544/A.7173 פארלאנגט סטעיט אגענטור צו באשטימען א וועטעראנען ליעזאן צו קאארדינירן מיט די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס***

***ביל S.9258 /A.9850 וועט פארגרינגערן וועטעראנען'ס צוטריט צו אינפארמאציע איבער זייערע בענעפיטן***

***ביל S.2413-C/A.4613-C גיבט צוגעלייגטע פינאנציעלע שטיצע פאר לוויות פון וועטעראנען***

***אכט נייע געזעצן וועלן גיבן נייע נעמען פאר סטעיט שאסייען און בריקן צו באערן די אנדענק פון אונזערע געפאלענע העלדן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן א רייע פון בילס לכבוד וועטעראנס דעי צו באערן די דינסט און מסירות נפש פון ניו יארק'ס וועטעראנען. די בילס וואס זענען היינט דורכגעפירט געווארן רעכענען אריין דאס גיבן נייע נעמען פאר בריקן און הייוועיס אריבער די סטעיט אין עהרע פון געפאלענע העלדן און אזוי אויך מאסנאמען צו פארגרינגערן צוטריט צו וועטעראנען בענעפיטן, אפשפיגלנדיג ניו יארק'ס אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו באערן און שטיצן וועטעראנען און זייערע פאמיליעס. גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך אונטערגעשריבן אן עקזעקיוטיוו ארדער צו העכערן די קוואליטעט פון שטיצנדע האוזינג סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען פאר ניו יארק'ס וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס דורכן פארלאנגען אז שטיצנדע האוזינג פראָווײדערס-וואס באקומען סטעיט רעגירונג געלטער צו צושטעלן שטיצנדע האוזינג פאר וועטעראנען זאלן דארפן אריבערגיין געוויסע טרענירונגען.

"היינט טוהען מיר פונדאסניי ווידערהאלן אונזער איבערגעגעבנקייט צו די העלדישע מענער און פרויען וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד דורכן זיכער מאכן אז זייער ירושה לעבט ווייטער אן אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די געזעצן טוהען נישט נאר באעהרן אונזערע געפאלענע העלדן, נאר זיי ברייטערן אויך אויס קריטישע הילפס-מיטלען פאר וועטעראנען און זייערע פאמיליעס, זיכער מאכנדיג אז זיי באקומען די אנערקענונג און שטיצע וואס קומט זיך זיי."

עקזעקיוטיוו ארדער 41 פארלאנגט יערליכע טרענירונג פאר שטיצנדע האוזינג פראָווײדערס אריבער ניו יארק וועלכע באקומען סטעיט רעגירונג געלטער אין אויסטויש פארן דעזיגנירן א געוויסע צאל פון זייערע האוזינג יוניטס פאר וועטעראנען. דער טרענירונג פראגראם, וואס וועט צוגעשטעלט ווערן פריי פון אפצאל דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס ( Department of Veterans' Services), וועט זיין קאנצענטרירט אויף דאס פארשטיין מיליטערישע קולטור און אויף צוטריט צו בענעפיטן און סערוויסעס פאר וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס. דאס וועט העלפן זיכער מאכן אז סיי וועלכער וועטעראן אין א סטעיט-פינאנצירטע שטיצנדע האוזינג פראגראם פאר וועטעראנען ווערט באדינט דורך מענטשן וועלכע פארשטייען זייערע אייגנארטיגע ערפארונגען און וועלכע קענען זיי פארבינדן מיט בענעפיטן און סערוויסעס וואס זיי האבן זיך פארדינט דורך זייער מיליטערישע דינסט.

דורך אן אפמאך מיט די לעגיסלאטור, וועט ביל S.8596-A/A.9205-A למעשה גיבן בארעכטיגונג פאר מיליטער וועטעראנען וועלכע האבן געדינט פאר צום ווייניגסטנס 4 יאר און וואוינען אין די סטעיט צו זיין בארעכטיגט פאר וועטעראנען שכר לימוד הילף (Veterans Tuition Awards), אפגעזעהן פון אויב זיי זענען געווען אין א קאמף ראלע. אונטער די היסטארישע אויסברייטערונג פון די וועטעראנען שכר לימוד הילף, וועלן מער וועטעראנען אין ניו יארק סטעיט פון סיי ווען בעפאר באקומען צוטריט צו העכערע בילדונג געלעגנהייטן, עפענענדיג נייע טויערן פאר וועטעראנען וועלכע וואוינען אין ניו יארק סטעיט צו קענען אנקומען צו שטאנדהאפטיגע, סיפוק'דיגע קאריערעס אין די פעלדער פון זייער אויסוואהל נאכן מיליטער דינסט.

ביל S.5195-B/A.4611-B נעמט אוועק די פאדערונג אז א וועטעראן זאל דארפן האבן געדינט אין צייט פון קריג צו קענען באקומען געוויסע בענעפיטן. ניו יארק סטעיט טוט שטאלצערהייט אנערקענען אז עס קומט זיך פאר אלע וועטעראנען די בענעפיטן און הילפס-מיטלען וואס ווערן זיי געשאנקען דורך די סטעיט וואס זיי האבן באשיצט און פארטיידיגט דורכאויס זייער מיליטערישע דינסט. די ביל ענדערט דעם יעצטיגן געזעץ דורכן אוועקנעמען די פאדערונג אז וועטעראנען זאלן מוזן האבן געדינט דורכאויס א ספעציפישע צייט פון קריג כדי צו קענען צוקומען צו וויכטיגע סטעיט בענעפיטן און סערוויסעס פאר וועטעראנען.

ביל S.7544/A.7173 פארלאנגט אז יעדע עקזעקיוטיוו סטעיט אגענטור זאל באשטימען א וועטעראנען ליעיזאן. מערערע ניו יארק סטעיט אגענטורן אפפערן פילע וויכטיגע סערוויסעס פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס. אלס א ביישפיל פון די צוגאנג פון די סטעיט רעגירונג ביים באדינען די וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד וואס לויטעט אז יעדע טיר איז די ריכטיגע אדרעס פאר הילף — פארלאנגט די ביל פון ניו יארק סטעיט אגענטורן צו באשטימען א וועטעראנען ליעיזאן וואס זאל צושטעלן אינפארמאציע און הילף פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס אין באציאונג צו בענעפיטן און סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען אינערהאלב זייער ספעציפישע סטעיט אגענטור און אזוי אויך צו דירעקט קאארדינירן מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס.

ביל S.9258/A.9850 באציהט זיך צו וועטעראנען באקומענדיג אינפארמאציע איבער בענעפיטן. קראנטע אינפארמאציע איבער וועטעראנען בענעפיטן איז איינס פון די וויכטיגסטע כלים צו ארייננלייגן אין די הענט פון וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס. די ביל פארזיכערט אז מענטשן וואס פארלאנגען און באקומען א וועטעראן צייכן אויף זייער ניו יארק סטעיט דרייווער'ס לייסענס אדער נאנ-

דרייווער ID קארטל זאלן באקומען אינפארמאציע איבער די סערוויסעס וואס ניו יארק סטעיט'ס דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס שטעלט צו פריי פון אפצאל, און אזוי אויך די אפציע צו פארבינדן ווערן דירעקט מיט די דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס צו באקומען פערזענליך-צוגעפאסטע אויפמערקזאמקייט און שתדלנות פון די דעפּארטמענט.

ביל S.2413-C/A.4613-C שטעלט אוועק א יערליכע צופאסונג צו די צוריקצאלונג פאר געוויסע אויסגאבן פאר לוויות פון וועטעראנען. דאס צושטעלן א בכבוד'דיגע רוה ארט פאר די וועלכע האבן געדינט אונזער סטעיט און לאנד איז איינס פון ניו יארק'ס פארהייליגטע און וועזנטליכע פליכטן. די ביל וועט גיבן רעגלמעסיגע העכערונגען אין ניו יארק סטעיט'ס צוריקצאלונג פראגראם צו ארויסהעלפן מיטן דעקן די לוויה און קבורה קאסטן פאר וועטעראנען וועלכע גייען אוועק אן מיטלען, זיכער מאכנדיג אז קיין איין וועטעראן אין ניו יארק סטעיט גייט קיינמאל נישט אוועק אן די לעצטע כבוד וואס פאסט זיך פאר זיי.

ביל S.6469-A/A.4089-A גיבט א נאמען פאר א חלק פון די הייוועי אויף סטעיט רוּט 747 אין מאַנטגאָמרי אלס די "Steve Nicoli Memorial Highway" (סטיוו ניקאלי מעמאריעל הייוועי). Steve Nicoli (סטיוו ניקאלי), וועלכער ווערט באערט דערמיט, האט אוועקגעגעבן זיין לעבן צו ציבור'ישע ארבעט, זיין קאמיוניטי און זיין לאנד. אלס אן ארמיי וועטעראן האט Steven (סטיווען) געדינט אונזער לאנד מיט עהרע און אויסצייכענונג. נאכן פארענדיגן זיין דינסט האט ער אוועקגעגעבן זיין צייט צו באערן אמעריקאנע וועטעראנען. Steve (סטיוו), צוזאמען מיט א פאטריאטישע גרופע פון פריינט, האבן אוועקגעשטעלט די Hudson Valley Honor Flight אין וואלדען, ניו יארק. די מיסיע פון די ארגאניזאציע – וואס איז בלויז איינס פון די מער פון 100 אפטיילונגען אריבער דאס לאנד אלס טייל פון די נאציאנאלע באעהרונג פלוג נעטווארק (National Honor Flight Network) – איז צו באערן אונזערע וועטעראנען מיט א פולשטענדיג-אויסגעצאלטע באזוך צו זייערע דענקמאלן אין וואשינגטאן די סי. די רייזע איז א טאג פון באעהרונג וואס פילע פון אונזערע וועטעראנען האבן קיינמאל נישט איבערגעלעבט דורכאויס זייערע יארן פון דינסט. אין לויף פון די פארגאנגענע צען יאר האט Hudson Valley Honor Flight גענומען מער פון 2,000 וועטעראנען אויף מער פון 25 פלוגן פאר וועטעראנען פון די האדסאן וואלי און די טריי-סטעיט ראיאן. אין 2021 איז Steve (סטיוו) פלוצלינג אוועק פון די וועלט, אבער זיין השפעה זעצט פאר צו געשפירט ווערן היינט דורך די באעהרונג פלוג און דורך צאללאזע אנדערע זעלבסטלאזע אונטערנעמונגען פון וועלכע ער איז געווען א חלק. די שטרעקע פון די שאסיי וואס וועט גערופן ווערן אין זיין עהרע איז די שאסיי וואו יעדע גרופע פון באעהרונג פלוג וועטעראנען פארן אריבער אזוי ווי זיי קומען אריין צו די ניו יארק - סטוּארט אינטערנאציאנאלע לופטפעלד. דורכן א נאמען גיבן פאר די שאסיי אין Steven (סטיווען)'ס עהרע, וועט דאס פאראייביגן זיין לעבן פון דינסט פאר אונזערע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס.

ביל S.5937-B/A.4924-B גיבט א נאמען פאר די בריק אויף סטעיט רוּט 79 וואס גייט אריבער העכער די שענענגאָ ריווער אין גרין אלס די "SP4 Herman Emil Anders, Jr. Memorial Bridge" (ספעציאליסט פיר הערמאן עמיל אנדערס דזשוּניאר מעמאריעל בריק). Herman Emil Anders, Jr. (הערמאן עמיל אנדערס דזשוּניאר), וועלכער ווערט באערט, האט זיך אנגעשלאסן אין די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אלס אן SP4 אין די A קאמפאני, 3'טע פלאטון, 3'טע באטאליאן, 22'סטע פיס סאלדאטן איינהייט, וואו ער האט באקומען מערערע מעדאלן ווי די Bronze Star (בראנז שטערן), Purple Heart (פּוירפל הארץ), National Defense (נאציאנאלע פארטיידיגונג), Military Merit (מיליטער לויבווערדיגקייט), Gallantry Cross with Palm (העלדישקייט קרייץ מיט טייטלבוים צווייג). ער האט זיך פארדינט די מעדאלן פאר זיין העלדישקייט אין פארבינדונג מיט מיליטערישע אפעראציעס דינענדיג אלס טייל פון די ארטילעריע איינהייט פון די 4'טע פיס סאלדאטן דיוויזיע קעגן פיינטליכע קרעפטן. בשעת'ן זיין אין וויעטנאם האט SP4 Anders (אנדערס) זיך אויסגעצייכנט דינענדיג אלס א מאנשאפט פירער אויף א קאמף אפעראציע. דארט האט ער זיך אויסגעשטעלט צו אטאקעס פון גאר פונקטליכע קליינע וואפן און פון ראקעט שיסערייען כדי צו אנצייכענען פיינטליכע ציהלן בשעת'ן אריבערפירן זיין

איינהייט אין א ריקצוג צו אן אנדערע פאזיציע. SP4 Anders (אנדערס) האט געעפנט פייער אויף עטליכע פיינטליכע סאלדאטן בעפארן איבערגעשטערנגט דורך פיינטליכע קרעפטן. SP4 Anders (אנדערס) האט ארויסגעוויזן העלדישקייט און געטריישאפט צו זיין פליכט, בשעת'ן היטן אויף די העכסטע טראדיציעס פון מיליטערישע דינסט.

ביל S.6715-B/A.9578 גיבט א נאמען פאר די בריק אויף סטעיט רוט 109 העכער די סאוטערן סטעיט פארקוועי אין בעבילאן אלס די "Lieutenant Commander Phillip Wayne Johnson Memorial Bridge" (ליוטענאנט קאמאנדיר פיליפ וועין דזשאנסאן דענקמאל בריק). דער באעהרטער ליוטענאנט קאמאנדיר Phillip Wayne Johnson (פיליפ וועין דזשאנסאן) האט געדינט זיין סטעיט, לאנד און קאמיוניטי אין לאנג איילענד פאר זיין גאנצע לעבן. ער האט גראדואירט פון די US הענדלער מארין אקאדעמיע (Merchant Marines Academy), און ער האט געדינט ביז ער איז באפרייט געווארן מיט עהרע אין 2001. דורכאויס זיין דינסט האט ער געמאכט נעיווי טרענירונג פלענער פאר די נעיווי לאנדונג שיף טאנק (Naval Landing Ship Tank) פראגראם, די נעיווי רעזערוו אקעאן מינע אויסגראבונג שיפן (Naval Reserve Ocean-going Mine Sweeper) פראגראם און די נעיווי רעזערוו נעיווי-באגלייטנדע אדווייזארי מאנשאפטן (Naval Reserve Naval Embarked Advisory) פראגראמען. נאכפאלגנדיג זיין דינסט, האט ער געארבעט אלס אן אינדזשעניר, דעזיינענדיג פראיעקטן ווי דעם סאָנרייז הייוועי פראיעקט, און שפעטער ארבעטנדיג פאר איבער צען יאר פאר NYCHA. אין אנערקענונג פון זיין ביישטייערונג צו זיין לאנד און קאמיוניטי, וועט די NYS רוט 109 בריק העכער סאוטערן סטעיט פארקוועי אין די טאון אָוו בעבילאן, קאונטי אָוו סופאָלק, א נאמען געגעבן ווערן אין זיין עהרע אלס די "Lieutenant Commander Phillip Wayne Johnson Memorial Bridge".

ביל S.4563-A/A.10523-A גיבט א נאמען פאר סטעיט רוט M17 אין וואָלקיל אלס די "Private First Class Richard Cleveland Dunn Memorial Highway" (פּרייוועט פוירסט קלעס ריטשארד קליוולענד דאָן מעמאריעל הייוועי). דער באעהרטער Richard Cleveland Dunn (ריטשארד קליוולענד דאָן) איז פארוואונדעט געווארן אין פראנקרייך דורכאויס דעם צווייטן וועלט קריג, און ער האט באקומען די דינסט מעדאל, גוטע אויפפירונג מעדאל און צווייטע וועלט קריג זיג מעדאל.

ביל S.8338-A/A.7956-A גיבט א נאמען פאר א חלק פון די הייוועי אויף סטעיט רוט 19 in אין גרינסוויל אלס די "T Sgt Walter Shearing Memorial Highway" (טעקניקעל סארדזשענט וואלטער שירינג מעמאריעל הייוועי). דער באעהרטער TS Shearing (שירינג) האט געדינט זיין לאנד מיט העלדישקייט און עהרע דורכאויס דעם צווייטן וועלט קריג. טעקניקעל סארדזשענט Walter W. Shearing (וואלטער וו. שירינג) איז געווען אין גענעראל Patton (פעטאן)'ס 7'טע ארמיי, 324'טע פיס סאלדאטן רעגימענט, בארימטע 44'סטע דיוויזיע. ער האט געקעמפט אין די 'ארדענען שלאכט' (Battle of the Bulge). צום באדויער, איז TS Shearing (שירינג) דערהרג'ט געווארן אין דינסט אום אפריל 17, 1945. ער איז באעהרט געווארן מיט צוויי Bronze Star (בראנזענע שטערן) מעדאלן, יעדע איינע מיט איין אייכנבוים צווייג, Purple Heart (פוירפל הארץ) און די Combat Infantry (קאמף פיס סאלדאטן) בלעכל.

ביל S.9338/A.10312 גיבט א נאמען פאר די בריק אויף Washington Avenue העכער די אינטערסטעיט 90 אין רענסעליער אלס די "CW2 Casey N. Frankoski Memorial Bridge" (טשיעף ווארענט אפיסער 2 קעיסי נ. פראנקאסקי דענקמאל בריק). די באעהרטע טשיעף ווארענט אפיסער 2 Casey N. Frankoski (Chief Warrant Officer 2, "CW2") (קעיסי נ. פראנקאסקי) פון די ניו יארקע נעשענעל גאַרד (National Guard) ארמיי איז געווען אויף פאטראל ביי די פאראייניגטע שטאטן-מעקסיקא גרעניץ נעבן לא גרולא, טעקסאס, ווען א טראגישע העליקאפטער עקסידענט האט אוועקגענומען איר לעבן אום מערץ 8, 2024. האבנדיג ארויסגעשיקט געווארן קיין טעקסאס אין אקטאבער 2023, איז זי געווען טייל פון די פעדעראלע רעגירונג'ס גרעניץ זיכערהייט מיסיע. CW2 Frankoski (פראנקאסקי) האט זיך איינגעשריבן אין די ניו יארקע נעשענעל גאַרד ארמיי אין אקטאבער

פון 2016. זי איז באשטימט געווארן אלס א וואראנט אפיסער אין 2019 און איז טרעינירט געווארן צו ווערן א UH-60 בלעק האָוק העליקאפטער פילאט. זי איז געפעדערט געווארן צו די ראנג פון וואראנט אפיסער 2 אין 2021. CW2 Frankoski (פראנקאסקי) איז ארויסגעשיקט געווארן קיין קוועיט פון נאוועמבער פון 2018 ביז סעפטעמבער פון 2019 מיט אפטיילונג 5, קאמפאני C, 2'טע באטאליאן, 245'טע אוויאציע רעגימענט. די איינהייט פליט די ארמיי'ס C-12 טראנספארט פלוגצייג. CW2 Frankoski (פראנקאסקי)'ס מיליטערישע אויסצייכענונגען רעכענען אריין די Army Commendation (ארמיי אויסלויבונג) מעדאל, די Army Achievement (ארמיי עררייכונג) מעדאל, די National Defense Service (נאציאנאלע פארטיידיגונג דינסט) מעדאל, די Global War on Terrorism Service (גלאבאלע קאמף אויף טערער דינסט) מעדאל, די Global War on Terrorism Expeditionary (גלאבאלע קאמף אויף טערער עקספעדיציע) מעדאל, די Army Service (ארמיי דינסט) שטרייף, די Armed Forces Service (ארמייאישע קרעפטן דינסט) מעדאל, די Non-Commissioned Officer Professional Development (נאנ-קאמישענד אפיציר פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג) שטרייף, די Armed Forces Reserve (ארמייאישע קרעפטן רעזערוו) מעדאל, די Basic Aviator (פונדאמענטאלע פילאט) בלעכל, און די Basic Aviation (פונדאמענטאלע אוויאציע) בלעכל.

ביל S.8939-A/A.9846-A גיבט א נאמען פאר א חלק פון די הייוועי אויף סטעיט רוּט 40 צווישן Carvers Lane און Warren Lane אין סקאַטיקאָוק (רענעסעלעיר קאונטי) אלס די " Assemblyman Pat M. Casale Memorial Highway" (אסעמבלימאן פעט מ. קאסאל מעמאריעל הייוועי). דער באערטער אסעמבלי מיטגליד Pat Casale (פעט קאסאל) האט געדינט די מענטשן פון רענסעליער, אלבאני, סאראטאָגע, גרין און קאלאמביע קאונטיס אין די אסעמבלי פאר זיבן טערמינען. ער איז באקאנט געווען פאר זיין צוויי-פארטייאישע צוגאנג מיט זיינע קאלעגן און זיין אמת'ע קשר מיט די בירגער אין זיין דיסטריקט, באזונדערס זיינע שכנים אין טראָי און רענעסעלעיר קאונטי. אויף די טראָי סיטי קאונסיל האט Pat (פעט) געגרונדעט די שטאט'ס 'פלעג דעי' פאראדע, און ער האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אין די קאנסטרוקציע פון די בארימטע 'אָנקל סעם' מאנומענט. ער האט געדינט אלס מעיאר פון טראָי און שפעטער אלס רענעסעלעיר קאונטי קלערק, וואו זיין פירערשאפט האט פארזיכערט אז איינוואוינער האבן געקענט צוקומען צו ווירקזאמע רעגירונג סערוויסעס. ער איז אויך געווען א פאראייניגטע שטאטן ארמיי וועטעראן וועלכער האט געדינט אין די קארעאנער קאנפליקט. ער האט באקומען פילע בירגערליכע באערונגען, אריינרעכענענדיג די Uncle Sam Citizen of the Year ('בירגער פון די יאר') באערונג, די Distinguished Alumni o'LaSalle Institute (געעהרטער געוועזענער סטודענט) באערונג, די Brunswick Lincoln באערונג, די Father Flanagan באערונג און די Lansingburgh Boys and Frank P. Kennedy o'Girls Club באערונג.

ביל S.9764/A.6287-D גיבט א נאמען פאר די חלק פון די I-278 (די ברוקלין-קווינס עקספרעסוועי) פון די Verrazano-Narrows בריק ביז th Avenue6 אין ברוקלין אלס די " Fort Hamilton Veterans Memorial Highway" (פאָרט העמילטאן וועטעראנען דענקמאל הייוועי).

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, Viviana DeCohen (וויוויאנא דעקאָוהען), האט געזאגט,** "די שריט צייכענען אפ א באדייטנדע דערגרייכונג אין אונזער פארגעזעצטע פארפליכטונג צו באערן און שטיצן אמעריקע'ס העלדן. די ניי-אונטערגעשריבענע ביל און עקזעקיוטיוו ארדערס וועלן באַרייכערן די קוואליטעט פון שטיצנדע סערוויסעס פאר ניו יארק'ס וועטעראנען און זייערע פאמיליעס, אויסברייטערן עדזשוקעישען געלעגנהייטן און פארברייטערן צוטריט צו וועזנטליכע בענעפיטן. די אינציאטיוון מאכן אויך זיכער אז אונזערע וועטעראנען באקומען קריטישע אינפארמאציע איבער די בענעפיטן וואס זיי האבן זיך פארדינט, גיבן נאך פינאנציעלע שטיצע פאר לוויות און פאראייביגן די אנדענק פון ניו יארק'ס געפאלענע העלדן אויף שאסייען און בריקן. מיר דרוקן אויס אונזער הערצליכע הכרת הטוב פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארן גיבן פריאריטעט

פאר די וועזנטליכע אינציאטיוון און פארן זיכער מאכן אז אונזערע וועטעראנען באקומען די אנערקענונג און שטיצע וואס קומען זיך זיי."

**סטעיט סענאטאר James Skoufis (דזשעימס סקופיס) האט געזאגט,** "אזוי ווי דער געזעץ איז געווען אין די פארגאנגענהייט, האבן נאר וועטעראנען וועלכע האבן געדינט דורכאויס די צייט פון קריג בארעכטיגט געווען צו באקומען געוויסע ניו יארקע בענעפיטן. מיט דאס אריינשרייבן די ביל אין געזעץ, וועלן אלע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס האבן צוטריט צו בענעפיטן וואס קומען זיך פאר וועטעראנען פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע, אפגעזעהן פון אויב עס איז געווען אן אפיציעלע צייט פון קריג דורכאויס זייער דינסט. כאטש מיר דארפן געדענקען און אנערקענען אונזערע וועטעראנען א גאנץ יאר, דאך פילט וועטעראנס דעי באזונדערס פאסיג אזוי צו טוהן. דאס פארזיכערן בארעכטיגטע בענעפיטן איז דאס מינדעסטע וואס מיר קענען טוהן פאר די צווישן אונז וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד, און איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די ביל היינט."

**סטעיט סענאטאר Peter Oberacker (פיטער אָובעראקער) האט געזאגט,** "היינט באערן מיר די קוראזש און מסירות נפש פון SP4 Herman Emil Anders, Jr. (הערמאן עמיל אנדערס דזשוניאר), וועמען'ס העראישע שריט אין וויעטנאם זענען א ביישפיל פון די העכסטע טראדיציעס פון מיליטערישע דינסט. זיין העלדישקייט און זעלבסטלאזיגקייט וועלן קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, און די ' SP4 Herman Emil Anders, Jr. Memorial Bridge' וועט שטיין אלס אן אייביגע אנדענק צו זיין מסירות נפש. איך וויל אויסדרוקן מיין דאנק פאר אסעמבלימאן Angelino (ענדזשעלינאָו) פארן אריבערפירן די ביל אין די אסעמבלי, און פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ. צוזאמען מאכן מיר זיכער אז SP4 Anders (אנדערס)'ס מסורה פון העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט צו זיין פליכט וועט פארזעצן צו אינספירירן צוקונפטיגע דורות."

**סטעיט סענאטארשע Jessica Scarcella-Spanton (דזשעסיקע סקאַרסעלא-ספענטאן) האט געזאגט,** "אלס פארזיצערין פון די קאמיטע אויף וועטעראנען, היימלאנד זיכערהייט און מיליטערישע אנגעלעגנהייטן (Committee on Veterans, Homeland Security, and Military Affairs), איז דאס מיר אן עהרע און פריווילעגיע צו קעמפן פאר אונזערע וועטעראנען אין די סטעיט סענאט, די זעלבע וועג ווי זיי האבן געקעמפט פאר אונז. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אריינשרייבן מיינע בילס וואס וועלן באערן די גייסטיגע ירושה פון אונזערע דרום ברוקלין וועטעראנען, אויסברייטערן שכר לימוד הילף פאר מער וועטעראנען, דעזיגנירן א וועטעראנען ליעיזאן ביי אלע סטעיט אגענטורן און ערלויבן וועטעראנען צו באקומען מער אינפארמאציע איבער בענעפיטן וואס זענען דא צו באקומען פאר זיי אין געזעץ. יעדן איינציגן טאג דארפן מיר פארזעצן צו באערן די גייסטיגע ירושה פון די וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד און אפגעבן כבוד פאר זייער געטריישאפט און מסירות נפש פאר זיכערהייט און פרייהייט."

**סטעיט סענאטארשע Monica R. Martinez (מאניקע ר. מארטינעז) האט געזאגט,** "ליוטענאנט קאמאנדיר Phillip Wayne Johnson (פיליפ וועין דזשאנסאן) איז געווען א מאן וואס האט אוועקגעגעבן זיין לעבן צו דינסט, סיי אין מונדירן און סיי אין די קאמיוניטי וואס ער האט ליב געהאט. דאס א נאמען גיבן פאר די בריק אין זיין עהרע אום וועטעראנס דעי איז א פאסיגע אנדענק פאר א מאן וועמען'ס גייסטיגע ירושה פון ארנטליכקייט און גוטהארציגקייט דארפן געדענקט ווערן דורך אלע וועלכע פארן אריבער די וועג. איך באדאנק די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די ביל וואס דערמאנט אונז איבער די לאנג-בלייבנדע השפעה וואס די וועלכע האבן געדינט האבן אויף פרייהייט און אויף די לעבנס פון זייערע שכנים."

**סטעיט סענאטאר Jamaal Bailey (דזשאמאל בעילי) האט געזאגט,** "וועטעראנען זענען א פונדאמענטאלע זייל פון אונזער געזעלשאפט און די סיבה פארוואס מיר געניסן פון די פרייהייטן וואס מיר

האבן די פריווילעגיע צו האבן היינט. איך דרוק אויס מיין טיפסטע הכרת הטוב פאר אלע וועטעראנען פאר זייער מסירות נפש. איך בין דערפרייט אז גאווערנער Hochul (האקול) צייכנט אפ וועטעראנס דעי דורכן ארייינשרייבן מערערע באדייטנדע בילס אין געזעץ, באעהרנדיג די גייסט פון דעם טאג. די ביל וואס איך האב געספאנסארט שטעלט אוועק א יערליכע צופאסונג אין די צוריקצאלונגען פאר געוויסע וועטעראנען לוויות, און איך בין טיף דאנקבאר פאר די טריט אויף פאראויס. מיינע טיפע דאנק וואונטשן פאר גאווערנער Hochul (האקול), NYC דעפארטמענט פון וועטעראנען (Department of Veterans) קאמישאנער James Hendon (דזשעימס הענדאן) פאר זיין אומערמידליכע שתדלנות פאר וועטעראנען און מיין קאלעגין אסעמבלי מיטגלידערין Kimberly Jean-Pierre (קימבערלי זשאַן-פיער). ווידעראמאל, טוהען מיר באעהרן אלע מיליטער מיטגלידער, פענסיאנירט אדער אקטיוו, וועמען'ס געטריישאפט און מסירות נפש מאכן דאס מעגליך פאר אונז צו האבן פרייהייט."

**סטעיט סענאטאר George Borrello (דזשארדש בארעלאָו) האט געזאגט,** "כאטש ער וואלט געקענט אויסוועהלן א פארמער אויסנאם, האט סארדזשענט Shearing (שיערינג) געמאכט די זעלבסטלאזע באשלוס זיך צו איינשרייבן אין מיליטער נאך די אטאקע אויף פוירל הארבאר, זיך אוועקשטעלנדיג צו פארטיידיגן אונזער לאנד און ביים סוף אוועקגעבנדיג זיין לעבן אין דעם קאמף קעגן פאשיזם אין אייראפע. מיר קענען קיינמאל נישט פולקאם צוריקצאלן פאר אזא מסירות נפש, אבער מיר קענען באעהרן זיין זיכרון. דאס א נאמען גיבן פאר א חלק פון רוט 19 אין די טאון וואו ער איז אויפגעוואקסן און געווארן דער קוראזשפולער און געעהרטער מאן וועלכער האט געדינט זיין לאנד איז איין קליינע וועג צו אנערקענען זיין גייסטיגע ירושה. דאס א נאמען גיבן נאך אים וועט העלפן זיכער מאכן אז צוקונפטיגע דורות געדענקן סארדזשענט Shearing (שיערינג) און צאללאזע אנדערע העלדישע אמעריקאנער וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייערע לעבנס צו היטן אויף די פרייהייטן וואס מיר האלטן טייער. איך בין דאנקבאר פאר אסעמבלימאן DiPietro (דיפיעטראָו) פאר זיין לעגיסלאטיווע שותפות און פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארייינשרייבן די וויכטיגע מאסנאם אין געזעץ."

**סטעיט סענאטאר Jacob Ashby (דזשעיקאב עשבי) האט געזאגט,** "CW2 Casey Frankoski (קעיסי פראנקאסקי) איז אן אמעריקאנע העלדין. די ברייטהארציגקייט פון איר גייסט, די אינהאלט פון איר כאראקטער און איר פעלערלאזע קוראזש בלייבן אן אינספירירונג פאר אונז אלע אין דעם הויפטשטאט ראיאן. דאס א נאמען גיבן פאר די בריק נאך איר וועט זיין אן אנדענק פאר איר דינסט און מסירות נפש פאר פילע קומענדיגע דורות. פאר די גאווערנער צו אונטערשרייבן די ביל אויף וועטעראנס דעי איז אזוי באדייטפול, און איך וועל שטענדיג זיין דאנקבאר פאר אסעמבלימאן John McDonald (דזשאן מעקדאנעלד)'ס באמיאונגען צו אהערשטעלן די אייביגע אנדענק פאר Casey (קעיסי)'ס פאמיליע און אונזער גאנצע קאמיוניטי. עס איז נאכאלץ גאר ווייטאגליך צו וויסן אז מיר קענען קיינמאל נישט צוריקברענגען Casey (קעיסי). עס איז וויכטיג צו וויסן אז זיי וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן."

**סטעיט סענאטאר Jacob Ashby (דזשעיקאב עשבי) האט געזאגט,** "Pat Casale (פעט קאסאל)'ס מיסיע דורכאויס דעם קאריעאנער קריג איז געווען די ערשטע קאפיטל אין א לעגענדארע לעבן פול מיט דינסט פאר די פובליקום און קוראזש. אלס אן איבערגעגעבענער מעיאר, באליבטער קאונטי קלערק און אייגנארטיג-זעלבעסטשטענדיגער סטעיט אסעמבלימאן, האט Pat (פעט) געארבעט אומאויפהערליך פאר די גוטס פון אלע בירגער אין זיין דיסטריקט, און ער האט שטענדיג אויסגעוועהלט צו נאכקומען מענטשן'ס באדערפענישן ענדערש ווי פארטייאישע פאליטיק. דאס איז אן ערליך-פארדינטע און אייביגע אנדעק נאך א וועטעראן וועמען'ס ווירדן – פאמיליע, קאמיוניטי און דינסט – זענען ביישפילן פון די בעסטע צווישן אונז."

**אסעמבלי מיטגלידערין Kimberly Jean-Pierre (קימבערלי זשאַן-פיער) האט געזאגט,** "די רייע בילס אונטערגעשריבן דורך גאווערנער Hochul (האקול) היינט, אום וועטעראנס דעי, שפיגלט אפ די אנגייענדע איבערגעגעבנקייט פון די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור צו שטיצן וועטעראנען און זייערע

פאמיליעס. אלס די פארזיצערין פון די וועטעראנען אנגעלעגנהייטן (Veterans Affairs) קאמיטע, בין איך שטאלץ צו ספאנסארן בילס וואס העלפן פארבעסערן די לעבנס פון אונזערע מיליטער מענער און פרויען, און איך באדאנק אונזערע אקטיווע סאלדאטן און פענסיאנירטע וועטעראנען פאר זייער דינסט פאר אונזער לאנד."

**אסעמבלי מיטגליד Joe Angelino (דזשאָו ענדזשעלינאָו) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די ביל און העלפן זיכער מאכן אז ניו יארק באעהרט און געדענקט די העלדישקייט און מסירות נפש פון ספעציאליסט Anders (אנדערס) וואו עס פאסט זיך. עס איז פאסיג אז דאס איז געטוהן געווארן אום וועטעראנס דעי, אזוי ווי ספעציאליסט Anders (אנדערס) איז געווען א ביישפיל פון די זעלבע פאטריאטישקייט, זעלבסטלאזיגקייט און העלדישקייט וואס אונזערע וועטעראנען פארקערפערן."

**אסעמבלי מיטגלידערין Aileen M. Gunther (עילין מ. גאָנטער) האט געזאגט,** "וועטעראנס דעי דערמאנט אונז צו באדאנקען די וועלכע גיבן אלעס אוועק צו האלטן אונזער לאנד זיכער. אלס געזעצגעבער און רעגירונג בעאמטע, איז דאס אונזער פליכט צו באעהרן די העלדן. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די ביל וואס איז אן אנדענק צו איינער פון מיין דיסטריקט'ס מערסט בראווע העלדן, פּרייוועט פוירסט קלעס Richard C. Dunn (ריטשארד סי. דאָן)."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער) האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארייננשרייבן די ביל אין געזעץ דעם וועטעראנס דעי. Casey Frankoski (קעיסי פראנקאסקי) האט געדינט אונזער לאנד מיט א געוואלדיגע ענערגיע, איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט. קעיסי האט ליב געהאט צו דינען אונזער לאנד און האט ליב געהאט דאס לעבן אין אלגעמיין. איר אומקום לאזט איבער א לאך אין אזויפיל הערצער, און עס איז די האפענונג אז דאס א נאמען גיבן פאר די CW2 Casey N. Frankoski בריק וועט זיין א טרייסט פאר די באליבטע וועלכע זי האט איבערגעלאזט. אין צוגאב, זאל דאס א נאמען גיבן נאך איר דינען אלס אן אינספירירונג פאר די וועלכע וועלן אריבערפארן אונטער און העכער די בריק יעדן טאג, אונז אלע צו ערמוטיגן זיך צו אוועקשטעלן און דינען אונזער לאנד, ארבעטן צו מאכן אונזער דעמאקראטיע נאך שטערקער, רעספעקטירן די מיינונגען פון אנדערע און ארבעטן צו אנקומען צו הסכמות."

**אסעמבלי מיטגליד Alec Brook-Krasny (אלעק ברוּק-קרעסני) האט געזאגט,** "איך שלוס זיך אן מיט סענאטארשע Jessica Scarcella-Spanton (דזשעסיקע סקאַרסעלא-ספּענטאן) אין מיין טיפע דאנקבארקייט פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארייננשרייבן אונזער געמיינזאמע ביל צו א נאמען גיבן פאר א חלק פון די הייוועי וואו עס גייט אריבער די פאָרט העמילטאן ארמיי פעסטונג אין געזעץ. עס וועט יעצט באקאנט זיין אלס די 'Fort Hamilton Veterans Memorial Highway'. דאס איז א געוואלדיגער מאמענט פאר אונז צו דערמאנען יעדן איינעם איבער די עהרע און רעספעקט וואס מיר מוזן האבן פאר אונזערע וועטעראנען. זיי זענען די פארטיידיגער פון אונזער דעמאקראטיע און פארדינען זיך די אנערקענונג. א דאנק אייך, גאווערנער Hochul (האקול), פארן אונטערשרייבן די ביל. מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן אונזערע וועטעראנען!"

**אסעמבלי מיטגלידערין Marianne Buttenschon (מעריען באָטענשאָן) האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר פייערן וועטעראנס דעי, בין איך דאנקבאר פאר די גאווערנער פארן אונטערשרייבן מיין ביל וואס וועט גיבן פאר פיל מער וועטעראנען די געלעגנהייט פאר א העכערע בילדונג. עדזשוּקעישען איז איינס פון די ציגל פון וואס אונזערע קאמיוניטיס ווערן געבויט. איך בין גאר דאנקבאר פאר די דינסט פון אלע אונזערע וועטעראנען. א דאנק פאר אלע וועלכע האבן געדינט אונזער געוואלדיגע לאנד, און איך האף אז אלע וועטעראנען וועלן קענען נוצן די לייטער פאר אן עדזשוּקעישען צו קענען ווייטער דינען אונזערע געוואלדיגע קאמיוניטיס און אונזער לאנד!"

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, James Hendon (דזשעימס הענדאן), האט געזאגט,** "די אריבערפירונג פון דעם געזעץ איז א באדייטפולע טריט צו באעהרן אונזערע וועטעראנען און שטיצן זייערע עדזשוקעישען שטרעבונגען. דאס אויסברייטערן צוטריט צו דעם וועטעראנען שכר לימוד הילף פראגראם וועט עפענען טויערן פאר צאללאזע וועטעראנען, זיי גיבנדיג די כלים צו קענען ארבעטן צו באקומען א העכערע בילדונג און זיך אויסצייכענען אין די פעלדער פון זייער אויסוואהל. אונזער אגענטור קוקט ארויס צו זעהן די השפעה וואס דאס וועט האבן אויף די וועלכע האבן געדינט און אוועקגעגעבן פון זיך פאר אונזער לאנד."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן